# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**

הדלקת הנרות.................5:18
מוצאי שב"ק....................6:50

**שיעורים כסדרן**

נ"ך...............מלכים-א ט"ו-ט"ז
בבלי.....................פסחים צ"א
ירושלמי...................יבמות ס'
תוספתא.................כריתות ג'
רמב"ם......................אישות כ'


פרשת תרומה, שבת זכור, ח' אדר, שנת תשפ"א לפ"ק

שנה 10, גליון 22 (487)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וְעָשׂוּ לִי מִקְדָּשׁ וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן מְ׳זָאל בּוֹיעֶן אַ מִשְׁכָּן אוּן אַ בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט רוּעֶן צְווִישְׁן דִי אִידְן.

הַיינְט הָאבְּן מִיר לֵיידֶער נִישְׁט קַיין מִשְׁכָּן אוּן נִישְׁט קַיין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אָבֶער דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה בְּלַייבְּט אוֹיף אֵייבִּיג, אוּן דִי שְׁכִינָה רוּעֶט אַלֶעמָאל צְווִישְׁן אִידְן. אִין יֶעדֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, וואוּ מְ׳פִירְט זִיךְ עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג אוּן מְ׳גֵייט אוֹיף דִי וֶועגְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, רוּעֶט דָארְט דִי שְׁכִינָה, וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה י"ז.) "אִישׁ וְאִשָּׁה זָכוּ, שְׁכִינָה בֵּינֵיהֶם", אַ מַאן אוּן וַוייבּ וָואס זֶענֶען זוֹכֶה, אִיז דִי שְׁכִינָה צְווִישְׁן זֵיי.

וֶוען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה רֶעכֶנְט אוֹיס דִי כֵּלִים פוּנֶעם מִשְׁכָּן, הוֹיבְּט דִי תּוֹרָה אָן דִי עֶרְשְׁטֶע מִיטְ׳ן אָרוֹן, דָאס אִיז דֶער עֶרְשְׁטֶער יְסוֹד פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, צוּ בּוֹיעֶן דִי שְׁטוּבּ לוֹיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אַרַיין דִי שְׁכִינָה אִין שְׁטוּבּ.

דֶערְפַאר אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ אַז אוֹיסֶער דִי שִׁיעוּרִים וָואס מְ׳לֶערְנְט אִין שׁוּל, **זָאל מֶען זִיךְ אוֹיךְ קוֹבֵעַ זַיין צוּ לֶערְנֶען שִׁיעוּרֵי תּוֹרָה אִינְדֶערְהֵיים**. וֶוען אַ אִיד לֶערְנְט תּוֹרָה אִינְדֶערְהֵיים בַּאקוּמְט עֶר אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע חֵן, זַיין וַוייבּ הוֹיבְּט אָן אִים אַרוֹיפְקוּקְן אוּן מְכַבֵּד זַיין, זִי זֶעט אַז אִיר מַאן אִיז עֶרְלִיךְ אוּן עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה. אֲפִילוּ זִי ווֵייסְט אַז אִיר מַאן לֶערְנְט אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אִיז אָבֶער דָאס נִישְׁט דִי זֶעלְבֶּע וִוי וֶוען זִי זֶעט עֶס מִיט דִי אֵייגֶענֶע אוֹיגְן אִינְדֶערְהֵיים, אוּן דָאס מַאכְט אַז סְ׳זָאל וֶוערְן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת אִינְדֶערְהֵיים, מַאן אוּן וַוייבּ זָאלְן לֶעבְּן בְּאַהֲבָה וְאַחְוָה שָׁלוֹם וְרֵעוּת.

אוֹיךְ אוֹיף דִי קִינְדֶער הָאט דָאס גָאר אַ שְׁטַארְקֶע אַיינְפְלוּס, **זֵיי זֶעעֶן וִוי דֶער טַאטֶע לֶערְנְט תּוֹרָה, אוּן זֵיי וֶועלְן דָאס אוֹיךְ וֶועלְן נָאכְמַאכְן**, אוּן דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ וֶוערְט אַן אַטְמָאסְפֶער פוּן תּוֹרָה, עֶס הֶערְשְׁט דָארְט אַ גֶעשְׁמַאק אוּן אַ לִיבְּשַׁאפְט, אַז סְ׳אִיז אַ מְחַיֶּה זִיךְ צוּ גֶעפוּנֶען דָארְט, סְ׳וֶוערְט אַ מִשְׁכָּן פַאר דִי הֵיילִיגֶע שְׁכִינָה.

אוֹיפְ׳ן אָרוֹן זֶענֶען גֶעוֶוען דִי צְוֵויי כְּרוּבִים, וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא נ"ד) אַז וֶוען דִי אִידְן הָאבְּן זִיךְ אוֹיפְגֶעפִירְט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, הָאבְּן דִי כְּרוּבִים אוֹיסְגֶעזֶען וִוי זֵיי הָאבְּן זִיךְ לִיבּ. וֶוען מְ׳בְּרֶענְגְט אַרַיין תּוֹרָה אִין שְׁטוּבּ, אִיז דָא לִיבְּשַׁאפְט אוּן בַּא׳טַעַמְ׳קֵייט אִין הוֹיז.

סְפֶּעצִיעֶל וֶוען מְ׳אִיז זוֹכֶה חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן יוּנְגֶערְהֵייט, וֶוען דֶער מֹחַ אִיז נָאךְ רֵיין אוּן הֵיילִיג, אִיז דָאס דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ. וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְנָחוֹת ק"י.) **"הַלּוֹמֵד תּוֹרָה בְּטָהֳרָה, נוֹשֵׂא אִשָּׁה וְאַחַר כַּךְ לוֹמֵד תּוֹרָה"**. דֶערְפַאר הָאבְּן דִי כְּרוּבִים גֶעהַאט אַ פָּנִים וִוי אַ קִינְד (רַשִׁ"י שְׁמוֹת כ"ה, י"ח), צוּ וַוייזְן אַז מְ׳דַארְף חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער יוּנְגֶערְהֵייט, אוּן אַזוֹי וֶועט דִי שְׁכִינָה זִיכֶער רוּעֶן אִין אַזַא הֵיילִיגֶע אוּן לוֹיטֶערֶע הוֹיז.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֵירוּבִין י"ח:), **אַ הוֹיז וואוּ מְ׳הֶערְט דָארְט לֶערְנֶען תּוֹרָה בַּיינַאכְט, וֶועט דָאס הוֹיז נִישְׁט חָרוּב וֶוערְן**. בַּיינַאכְט קֶען אוֹיךְ מֵיינֶען וֶוען סְ׳אִיז שְׁוֶוער אוּן גֶעדְרוּקְט, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן שְׁטְרֶענְגְט מֶען זִיךְ אָן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה אִינְדֶערְהֵיים; אֲפִילוּ וֶוען סְ׳גֵייט שְׁוֶוער פַאר אַ מֶענְטְשׁ, לָאזְט עֶר נִישְׁט אָפּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; דַאן וֶועט אַזַא הוֹיז נִישְׁט חָרוּב וֶוערְן. פַארְקֶערְט, דִי שְׁכִינָה וֶועט רוּעֶן אִין דֶעם הוֹיז, יֶעדֶער וֶועט זַיין פְרֵייליךְ אוּן צוּפְרִידְן, אוּן סְ׳וֶועט זַיין דָארְט נָאר גוּט אוּן גֶעשְׁמַאק בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ לְפָרָשַׁת תְּרוּמָה)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### יוֹם טוֹב פּוּרִים

מֶען פִירְט זִיךְ צוּ גֶעבְּן פַאר פּוּרִים אַ "מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל", וָואס דָאס אִיז אַ הַאלְבֶּע פוּן דִי מַטְבֵּעַ פוּן דִי גֶעלְט וָואס אִיז אַיינְגֶעפִירְט צוּ נוּצְן אִין יֶענֶעם אָרְט אוּן צַייט, אוּן מֶען פִירְט זִיךְ צוּ גֶעבְּן דְרֵיי שְׁטִיק פוּן דִי סָארְט מַטְבֵּעַ, ווִיבַּאלְד עֶס וֶוערְט דֶערְמַאנְט דְרֵיי מָאל דִי וָוארְט "תְּרוּמָה" אִין פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא בַּיי דִי מִצְוָה פוּן מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל, אוּן דָאס גֶעלְט גֵייט פַאר צְדָקָה.

אוֹיסֶער דֶעם וָואס מֶען דַארְף מְקַיֵּים זַיין פָּשׁוּט דֶעם מִנְהָג, וָואס דָאס אִיז אַ הֵיילִיגֶער מִנְהָג מִדִּבְרֵי סוֹפְרִים, דַארְף מֶען אוֹיךְ גֶעדֶענְקֶען אוֹיף וָואס דֶער "מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל" אִיז מְרַמֵּז, אוּן וָואס דָאס קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען אִין לֶעבְּן.

הָמָן הָאט גֶעזָאגְט פַאר אַחַשְׁוֵרוֹשׁ (אֶסְתֵּר ג', ח') "יֶשְׁנוֹ עַם אֶחָד מְפֻזָּר וּמְפֹרָד" - עֶר הָאט גֶערֶעדְט לָשׁוֹן הָרַע אוֹיף דִי אִידְן אַז זֵיי הַאלְטְן זִיךְ נִישְׁט אִינְאֵיינֶעם מִיט אַחְדוּת, זֵיי קְרִיגְן זִיךְ צְווִישְׁן זִיךְ,

<<<<<<

## א גוט ווארט

מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזְרְ׳ן מִיט אוּנְז אַז אַלֶע סְפֵקוֹת אוּן קָאפְּדְרֵייעֶנִישְׁן קוּמְט פוּן עֲמָלֵק; עֲמָלֵ"ק בַּאטְרֶעפְט אַזוֹי וִוי סָפֵ"ק, דֶער עִיקָר פוּן עֲמָלֵק אִיז אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען סְפֵיקוֹת אִינֶעם מֶענְטְשׁ: 'וֶועל אִיךְ נָאךְ הָאבְּן אַ תַּקָּנָה?' 'קֶען אִיךְ נָאךְ תְּשׁוּבָה טוּן?' 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף מִיר נָאךְ הָאבְּן?' 'וֶוערְן מַיינֶע תְּפִילוֹת אוֹיךְ אָנְגֶענוּמֶען?' דָאס אַלֶעס אוּן נָאךְ בְּרֶענְגְט עֲמָלֵק אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ, אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל טְרַאכְטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נִישְׁט מִיט אִים אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים נִישְׁט, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (שְׁמוֹת י"ז, ז'): "הֲיֵשׁ ה' בְּקִרְבֵּנוּ אִם אָיִן"; אוּן גְלַייךְ נָאכְדֶעם שְׁטֵייט "וַיָּבֹא עֲמָלֵק".

אַז מִיר וֶועלְן אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן זִיךְ דִי אַלֶע סְפֵיקוֹת וּבִלְבּוּלִים וֶועלְן מִיר רִיכְטִיג מְקַיֵּים זַיין דֶעם מְחִיאַת עֲמָלֵק; אַז מִיר וֶועלְן גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אוּנְז, בַּיי אוּנְז אוּן נֶעבְּן אוּנְז אוּן עֶר הֶערְט צוּ אוּנְזֶערֶע תְּפִילוֹת.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תְּצַוֶּה תשׁ"פ)

בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# פּוּרִים אִיז דָא דֶער זֶעלְבֶּער אֵייבֶּערְשְׁטֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ג' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ז' אָדָר, שְׁנַת תש"פ לפ"ק לְכָבוֹד דִי תַּלְמִידוֹת פוּן בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב, שֶׁתִּחְיוּ.

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט פַאר דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פּוּרִים, וִויל אִיךְ אַייךְ שְׁרַייבְּן אַפָּאר וִויכְטִיגֶע זַאכְן אִיר זָאלְט וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ מְקַבֵּל זַיין אַזַא הֵיילִיגֶע טָאג.

טֵייעֶרֶע בֵּית פֵּיגָא תַּלְמִידוֹת שֶׁתִּחְיוּ, גֵייט אָנְגֶעטוּן אֵיידְל אוּן שֵׁיין אוּן פִירְט אַייךְ אֵיידְל אוּן בַּאשֵׁיידְן; קוּקְט צוּ וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה וֶוען מֶען פִירְט זִיךְ אֵיידְל, דִי נֵס פוּן פּוּרִים אִיז גֶעקוּמֶען דוּרְךְ 'אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה' וַוייל זִי הָאט זִיךְ גֶעפִירְט זֵייעֶר אֵיידְל. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן אוּנְז (תַּרְגּוּם אֶסְתֵּר ב, ז): "אֶסְתֵּר הֲווּ קָרְיָין לַהּ", פַארְוָואס הָאט מֶען גֶערוּפְן אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה מִיטְ'ן נָאמֶען 'אֶסְתֵּר', אִיר רִיכְטִיגֶע נָאמֶען אִיז נִישְׁט 'אֶסְתֵּר' זִי הָאט גֶעהֵייסְן 'הֲדַסָּה'? "עַל דִי הֲוַות צְנִיעָא בְּבֵיתָא דְמָרְדְּכַי, שַׁבְעִין וַחֲמֵשׁ שְׁנִין", וַוייל זִי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר צְנִיעוּת'דִיג אִין שְׁטוּב פוּן מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק, "וְלָא חֲזָת אַפֵּי גְבַר אֱלָהֵן אַפֵּי מָרְדְּכַי", דוּרְכְאוֹיס פִינְף אוּן זִיבֶּעצִיג יָאר הָאט זִי נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף קַיין שׁוּם פְרֶעמְדֶע מַאן, זִי הָאט נָאר גֶעקוּקְט אוֹיף מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק - דֶערְפַאר הָאט זִי זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז זִי הָאט גֶערַאטֶעוֶועט גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל; זֶעט מֶען צוּ וָואס מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין וֶוען מֶען פִירְט זִיךְ אֵיידְל אוּן בַּאשֵׁיידְן.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ טֵייעֶרֶע תַּלְמִידוֹת פוּן בֵּית פֵּיגָא, פּוּרִים אִיז זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע צַייט, פּוּרִים קֶען פּוֹעֵלְ'ן זֵייעֶר גְרוֹיסֶע זַאכְן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עד): פּוּרִים אִיז אַ צַייט פוּן זִיךְ בַּאנֵייעֶן; וַוייל וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ פּוֹעֵלְ'ן זֵייעֶר גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת, זָאלְט אִיר פוּן יֶעצְט זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ; יֶעדֶע זַאךְ וָואס שְׁטֶערְט אַייךְ, יֶעדֶע זַאךְ וָואס בַּאדֶערְט אַייךְ - זָאלְט אִיר דָאס אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס מֶען קֶען פּוֹעֵלְ'ן דוּרְךְ תְּפִילָה, תְּפִילָה אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק, עֶס דְרֵיידְט אִיבֶּער דִי טֶבַע.

בְּנוֹגֵעַ זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְן וְכוּ', פּוּרִים דַארְף מֶען וַוייטֶער זַיין צְנִיעוּת'דִיג, פּוּרִים אִיז דָא דֶער זֶעלְבֶּער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דִי זֶעלְבֶּע תּוֹרָה.

פּוּרִים דַארְף מֶען מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע אַזוֹי וִוי אַ גַאנְץ יָאר.

**אִיךְ וואוּנְטְשׁ אַייךְ אַ פְרֵיילִיכְן לוּסְטִיגְן תָּמִיד.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תְּצַוֶּה תש"פ)

>>>>>>

אוּן דֶערִיבֶּער קֶען קוּמֶען אוֹיף זֵיי אַלֶע צָרוֹת. אוּן כְּדֵי דָאס צוּ פַארֶערכְטְן הָאט אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה גֶעזָאגְט (שָׁם ד', ט"ז) "לֵךְ כְּנוֹס אֶת כָּל הַיְּהוּדִים" - אַז אִידְן זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף דֶעם, זֵיי זָאלְן זִיךְ הַאלְטְן בְּשָׁלוֹם, זֵיי זָאלְן זִיךְ הַאלְטְן בְּאַחְדוּת, אוּן דָאס וֶועט זֵיי בְּרֶענְגֶען אַלֶע יְשׁוּעוֹת.

דֶער הַאלְבֶּער שֶׁקֶל וַוייזְט אַז אַ מֶענְטְשׁ אַלֵיין אִיז נָאר אַ הַאלְבֶּע זַאךְ, עֶר אִיז נָאר אַ הַאלְבֶּער אִיד, עֶר מוּז זִיךְ צוּזַאמְשְׁטֶעלְן מִיט אַנְדֶערֶע אִידְן אוּן נָאר דַאן וֶועט עֶר וֶוערְן אַ גַאנְצֶער אִיד. יֶעצְט אִין דִי הֵיילִיגֶע אוּן פְרֵיילִיכֶע טֶעג פוּן פּוּרִים דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן לִיבּ צוּ הָאבְּן יֶעדְן אִיד, זִיךְ צוּ הַאלְטְן צוּזַאמֶען מִיט אַלֶע אִידְן.

דָאס הוֹיבְּט זִיךְ אָן אִינְדֶערְהֵיים, מֶען דַארְף זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, לִיבּ הָאבְּן דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן אִין שְׁטוּבּ. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין שָׁלוֹם בַּיִת אִיז עֶר נִישְׁט קַיין גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ, זַיין מֹחַ אִיז אִים צֶעמִישְׁט אוּן צֶעפְלוֹיגְן, אוּן עֶר קֶען נִישְׁט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיךְ לֶעבְּן. וֶוען מֶען בֵּייגְט זִיךְ אָבֶּער אַרָאפּ דֶעם קָאפּ, מֶען וֵוייסְט אַז אַלֵיין אִיז מֶען נָאר אַ הַאלְבֶּער מֶענְטְשׁ, מֶען דַארְף זִיךְ הַאלְטְן אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי וַוייבּ אוּן נָאר אַזוֹי וֶוערְט מֶען אַן "אָדָם הַשָּׁלֵם" - אַ גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ, דַאן קֶען מֶען הָאבְּן אַ פְרֵיילִיךְ לֶעבְּן.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ מִיט זִיךְ אַלֵיין. דִי נְשָׁמָה פוּן יֶעדְן אִיד אִיז אַ "חֵלֶק אֱלֹקֵי מִמַּעַל" - אַ חֵלֶק פוּן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין. וֶוען אַ אִיד טֵיילְט זִיךְ אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פַאלְט דוּרְךְ אִין עֲבֵירוֹת, דַאן בְּלַייבְּט עֶר נָאר מִיט אַ הַאלְבֶּע נְשָׁמָה. דִי אַרְבֶּעט פוּן אַ אִיד אִיז זִיךְ צוּרִיק צוּ קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ בַּאהֶעפְטְן זַיין נְשָׁמָה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן וֶועט עֶר זַיין אַ גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם אִיז נָאר דוּרְכְ'ן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען מֶען גֶעבְּט דִי "מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל" פּוּרִים בַּייְנַאכְט פַארְ'ן לֵיינֶען דִי מְגִילָה, דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ, מֶען זָאל זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאל זִיךְ הַאלְטְן נָאנְט אוּן בְּאַחְדוּת מִיט אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן מֶען זָאל הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת.

## לֵיינֶען דִי מְגִילָה

דִי מִצְוָה פוּן לֵיינֶען דִי מְגִילָה אִיז גָאר גְרוֹיס, יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז מְחוּיָב צוּ לֵיינֶען אָדֶער הֶערְן דִי מְגִילָה, סֵיי מֶענֶער אוּן סֵיי פְרוֹיעֶן, אוּן אוֹיךְ דִי קִינְדֶער דַארְף מֶען מְחַנֵּךְ זַיין צוּ הֶערְן דִי מְגִילָה לֵיינֶען. לְכַתְּחִילָה דַארְף מֶען גֵיין אִין שׁוּל צוּ הֶערְן דִי מְגִילָה לֵיינֶען, וַוייל "בְּרוֹב עָם הַדְרַת מֶלֶךְ". אוּן אוֹיבּ קֶען מֶען נִישְׁט גֵיין אִין שׁוּל, דַארְף מֶען לֵיינֶען דִי מְגִילָה אִינְדֶערְהֵיים אָדֶער וואוּ מֶען גֶעפִינְט זִיךְ.

וֶוען מֶען הֶערְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי מְגִילָה, אוּן מֶען טְרַאכְט אַרַיין אִין וָואס דָארְט הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁפִּילְט, זֶעט מֶען וִוי דִי אַלֶע גְרוֹיסֶע נִסִּים זֶענֶען גֶעוֶוען בַּאהַאלְטְן אִין דִי טֶבַע. דָאס מֵיינְט אַז פוּן אוֹיבְּן-אוֹיף וָואלְט מֶען גֶעקֶענְט מֵיינֶען אַז דִי אַלֶע זַאכְן הָאט פָּשׁוּט אַזוֹי פַּאסִירְט, אַז פּוּנְקְט הָאט אַחַשְׁוֵרוֹשׁ זִיךְ אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּן גֶע'הַרְגְ'ט זַיין קֶענִיגִן וַשְׁתִּי, אַז פּוּנְקְט הָאט מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעהֶערְט אוּן פַארְשְׁטַאנֶען אַז בִּגְתָן אוּן תֶּרֶשׁ ווִילְן הַרְגְ'עֶנֶען דֶעם קֶענִיג, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה קוּקְט אוֹיס וִוי אַלֶעס אִיז גֶעשֶׁען בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע.

וֶוען דִי מַעֲשֶׂה הָאט זִיךְ אָבֶּער גֶעעֶנְדִיגְט, אוּן מֶען הָאט צוּזַאמְגֶעשְׁטֶעלְט דִי אַלֶע פַּאסִירוּנְגֶען, הָאט מֶען קְלָאר גֶעזֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאס אַלֶעס גֶעפִירְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגְן חֶשְׁבּוֹן צוּ הֶעלְפְן אוּן צוּ רַאטֶעוֶוען דִי אִידְן.

דָאס אִיז גָאר אַ שְׁטַארְקֶע חִזּוּק פַאר דִי שְׁפֶּעטֶערְדִיגֶע דוֹרוֹת, אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶס קוּמְט אַ צַייט וָואס מֶען זֶעט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן אוּן עֶס קֶען אוֹיסְזֶען וִוי עֶר הָאט אוּנְז אִינְגַאנְצְן פַארְלָאזְט אוּן עֶר קוּקְט זִיךְ נִישְׁט אוּם אוֹיף דֶער וֶועלְט. דַארְף מֶען אָבֶּער וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג דָא מִיט אוּנְז, עֶר פִירְט יֶעדֶע זַאךְ, אוּן אֲפִילוּ דִי זַאכְן וָואס זֶעעֶן אוֹיס וִוי עֶס פַּאסִירְט פָּשׁוּט בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע, וֶוערְן אֱמֶת'דִיג אוֹיךְ גֶעפִירְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, אַלֶעס הָאט אַ פּוּנְקְטְלִיכְן חֶשְׁבּוֹן פַארְוָואס דָאס דַארְף אַזוֹי צוּ זַיין.

וֶוען מֶען הֶערְט אוֹיס דִי מְגִילָה לֵיינֶען, דַארְף מֶען זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן אַזוֹי וִוי דִי מַעֲשֶׂה הָאט יֶעצְט פַּאסִירְט מִיט יֶעדְן מֶענְטְשׁ. וַוייל וֶוען מֶען קוּקְט גוּט זֶעט מֶען אַז אוֹיךְ הַיינְט טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט יֶעדְן מֶענְטְשׁ גְרוֹיסֶע נִסִּים, נָאר זֵיי זֶענֶען בַּאהַאלְטְן אוּן זֶעעֶן אוֹיס וִוי אַ דֶרֶךְ הַטֶּבַע. דִי פְלִיכְט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אִיז אַרַיינְצוּטְרַאכְטְן אִין דֶעם, צוּ זֶען אוּן בַּאמֶערְקְן דִי אַלֶע נִסִּים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אִים כְּסֵדֶר, אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט דִי אִידְן דֶעמָאלְט אִין דִי צַייטְן פוּן מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק אוּן אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה.

## מֶען טֵיילְט פַאר יֶעדְן

חֲזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי מְגִילָה פֶּרֶק א', הֲלָכָה ד') אַז אִין יוֹם טוֹב פּוּרִים "כָּל מִי שֶׁהוּא פּוֹשֵׁט אֶת יָדוֹ לִטּוֹל, נוֹתְנִין לוֹ" - וֶוער עֶס שְׁטְרֶעקְט אוֹיס אַ הַאנְט צוּ נֶעמֶען, גֶעבְּט מֶען אִים. בִּפְשְׁטוּת מֵיינְט דָאס אַז אוּם פּוּרִים טֵיילְט מֶען צְדָקָה פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, מֶען קוּקְט קֵיינֶעם נִישְׁט נָאךְ, נָאר וֶוער עֶס שְׁטְרֶעקְט אוֹיס אַ הַאנְט צוּ נֶעמֶען צְדָקָה, גֶעבְּט מֶען אִים.

דָאס גֵייט אָבֶּער אוֹיךְ אַרוֹיף אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער. אִין דֶעם הֵיילִיגְן טָאג פּוּרִים אִיז דָא אַ גֶעוַואלְדִיגֶער עֵת רָצוֹן, אוּן וָואס אַ מֶענְטְשׁ בֶּעט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעבְּט מֶען אִים גְלַייךְ. מֶען קוּקְט אִים נִישְׁט נָאךְ צוּ זֶען אוֹיבּ עֶר אִיז יָא וֶוערְד אַז מֶען זָאל אִים הֶעלְפְן אָדֶער נִישְׁט.

אִין תִּקּוּנֵי זוֹהַר (נ"ז:) וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אַז "פּוּרִים" אִיז אַזוֹי וִוי "יוֹם כִּפּוּרִים". יוֹם כִּיפּוּר אִיז דָאךְ דִי הֵיילִיגְסְטֶע טָאג פוּן יָאר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מוֹחֵל פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת. אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז אִין פּוּרִים, וָואס דֶעמָאלְט אִיז גָאר אַ הֵיילִיגֶע אוּן גֶעהוֹיבֶּענֶע צַייט. וֶוען אַ אִיד הָאט שֵׂכֶל אוּן נוּצְט אוֹיס דֶעם טָאג וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס זַיין גַאנְצֶע הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף, קֶען עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען גָאר גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת גְרִינְגֶערְהֵייט.

אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס שְׁפִּירְט אַז עֶר אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁוֶוערֶע אוּן בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת, עֶר פִילְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים שׁוֹין נִישְׁט הָאבְּן; וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב פּוּרִים אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט פַאר אִים זִיךְ צוּרִיק צוּ קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל אִין פּוּרִים קוּקְט מֶען קֵיינֶעם נִישְׁט נָאךְ, מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיבּ מֶען אִיז יָא וֶוערְד אָדֶער נִישְׁט. אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶעטוּן דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת, קֶען זִיךְ

<<<<<<

>>>>>>

יֶעצְט אוֹיפְהוֹיבְּן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל אִים מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אוּן אַז עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן אַז פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער זָאל עֶר שׁוֹין זַיין נָאר וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים זִיכֶער אוֹיפְנֶעמֶען מִיט בֵּיידֶע הֶענְט, עֶר וֶועט אִים מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, אוּן עֶר וֶועט אִים אַרוֹיסְהֶעלְפְן מִיט אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֶען אוֹיסְצוּנוּצְן דֶעם הֵיילִיגְן טָאג פּוּרִים וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מֶען דַארְף אַרָאפְּנֶעמֶען עֶטְלִיכֶע מִינוּט אִין טָאג אוּן זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף אוּן דַאן וֶועט מֶען זֶען גָאר גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת.

(קוּנְטְרֵס 'אַ פְרֵייליכְן פּוּרִים')

## לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן רֶבִּי'ן (צו)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶעם רָשָׁע גַאנְטֶע ימ"ש קוּמְט אַרַיין אִין אוּמַאן, אוּן פִירְט דוּרְךְ אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע שְׁחִיטָה רח"ל. רֶבִּי דָוִד חַזָן אִיז בַּאהַאלְטְן אִין אַ הֵייל מִיט אַ צָאל אִידְן.**

נָאכְדֶעם וָואס דִי רוֹצְחִים זֶענֶען אַנְטְלָאפְן, דִי קוֹלוֹת אוּן גֶעשְׁרֵייעֶן הָאבְּן זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטִילְט, הָאט רֶבִּי דָוִד חַזָן מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן נָאךְ גֶעוַוארְט אַבִּיסְל אִינֶעם הֵייל, אוּן וֶוען זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס פוּנֶעם הֵייל הָאט זִיךְ אַנְטְפְּלֶעקְט פַאר זֵייעֶרֶע אוֹיגְן שׁוֹידֶערְלִיכֶע סְצֶענֶעס; טַייכְן בְּלוּט אוֹיף אַלֶע גַאסְן, מֶענְטְשְׁלִיכֶע גְלִידֶער לִיגְן אוֹיסְגֶעוָוארְפְן אִיבֶּעראַל, הֶענְט אוּן פִיס אוּן קֶעפּ וַואלְגֶערְן זִיךְ פוּן אַלֶע זַייטְן. זֵיי הָאבְּן זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אוּן גֶעקְלָאגְט אוֹיפְ'ן שְׁרֶעקְלִיכְן חוּרְבָּן, אוּן זֵיי הָאבְּן גְלַייךְ אוֹיפְגֶעגְרָאבְּן צְוֵויי גְרוֹיסֶע גְרִיבֶּער אוּן דָארְטְן בַּאעֶרְדִיגְט אַלֶע קְדוֹשִׁים, אַ זַאךְ וָואס הָאט זֵיי גֶענוּמֶען עֶטְלִיכֶע טֶעג.

פוּן אַזוֹיפִיל גֶע'הַרְגְ'טֶע זֶענֶען דִי גְרִיבֶּער גֶעוָוארְן וִוי צְוֵויי בֶּערְגְלֶעךְ. אוּן אוֹיף יֶענֶעם פְּלַאץ אִיז דֶער רֶבִּי גֶעשְׁטַאנֶען, צְוִוישְׁן דִי צְוֵויי בֶּערְגְלֶעךְ, אוּן גֶעזָאגְט, "דָא אִיז גוּט צוּ לִיגְן". אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, דֶער צִיוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן גֶעפוּנְט זִיךְ צְוִוישְׁן דִי צְוֵויי מַאסְן קְבָרִים.

צוּם סוֹף הָאט מֶען גֶע'הַרְגְ'ט דֶעם רוֹצֵחַ גַאנְטֶע מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן. דִי מִינִיסְטָארְן אִין פֶּעטֶערְבּוּרְג זֶענֶען גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן אִיבֶּער דִי רְצִיחוֹת, זֵיי הָאבְּן גֶעשִׁיקְט נָאךְ אִים סָאלְדַאטְן מִיט אַ שְׁפִּיצְל, זֵיי הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט אַז מְ'ווִיל אִים מַאכְן פַאר קֶענִיג, אוּן דֶערְפַאר הָאט עֶר מַסְכִּים גֶעוֶוען זִיךְ צוּ טְרֶעפְן מִיט דִי סָאלְדַאטְן, אוּן דַאן הָאט מֶען אִים גְלַייךְ גֶע'הַרְגְ'ט מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן.

רֶבִּי דָוִד חַזָן הָאט דַאן גֶעשְׁרִיבְּן דִי בַּאקַאנְטֶע מְגִילָה, "מְגִילַת אוּמַאן", וָואס הוֹיבְּט זִיךְ אָן מִיט דִי וֶוערְטֶער "וַיְקוֹנֵן דָוִד". מְ'פְּלֶעגְט דָאס לֵיינֶען יֶעדֶעס יָאר אִינֶעם גְרוֹיסְן בֵּית הַמֶדְרָשׁ אִין אוּמַאן, אִין אֵיינֶע פוּן דִי טֶעג פוּן ו' ז' אוּן ח' תַּמוּז. (אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק ז"ל אַז עֶר גֶעדֶענְקְט אַפָּאר מָאל וָואס מְ'הָאט גֶעלֵיינְט דִי מְגִילָה אוֹיף אִינֶעם בְּרֶסְלֶב'עֶר קְלוֹיז אִין אוּמַאן).



# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## וָואס זֶענֶען דִי מִנְהָגִים אִין בְּרֶסְלֶב בַּיים סְעוּדַת פּוּרִים?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד כְּבוֹד קְדֻשַּׁת מָרָן מוֹהַרָא"שׁ (שְׁלִיטָ"א) [זצוק"ל]**

אַזוֹי וִוי עֶס דֶערְנֶענְטֶערְט זִיךְ שׁוֹין דֶער יוֹם טוֹב פּוּרִים, אוּן מִיר ווִילְן מַאכְן אַ סְעוּדַת פּוּרִים בַּיי אוּנְז אִין שׁוּל, הָאבְּן מִיר גֶעוָואלְט ווִיסְן וָואס זֶענֶען דִי מִנְהָגִים וָואס אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט בַּיי דִי סְעוּדַת פּוּרִים.

מֵאֵת אָשֵׁר

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' לְסֵדֶר וַיִקְרָא, א' דר"ח אָדָר ב', ה'תשע"ד

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִיעוּ וְיִרְדְפוּ אֶל מו"ה אָשֵׁר נ"י**

בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאט מֶען זִיךְ גֶעפִירְט זִיךְ צוּזַאם צוּ קוּמֶען פּוּרִים נָאכְמִיטָאג. מֶען מַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדַת פּוּרִים אוּן מֶען טְרִינְקְט וויין, אוּן דַוְקָא נָאר וויין, נִישְׁט קַיין בְּרָאנְפְן אָדֶער אַנְדֶערֶע זַאכְן, אוּן דֶערְנָאךְ טַאנְצְט מֶען אוּן מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיטְ'ן הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב, אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף.

פּוּרִים אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֵת רָצוֹן אִין הִימְל, מֶען קֶען דַאן פּוֹעֶלְ'ן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵייעֶר גְרִינְג אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי מְגִילָה פֶּרֶק א' הֲלָכָה ד') אַז אִין פּוּרִים דַארְף מֶען גֶעבְּן פַאר יֶעדְן וָואס שְׁטְרֶעקְט אוֹיס דִי הַאנְט צוּ בֶּעטְן, זָאגְן צַדִיקִים אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט אוֹיךְ אוּם פּוּרִים פַאר יֶעדְן וָואס שְׁטְרֶעקְט אוֹיס זַיין הַאנְט אוּן עֶפֶענְט אוֹיף זַיין מוֹיל אִים צוּ בֶּעטְן. וַוייל פּוּרִים קוּמְט אַרָאפּ אַזַא גְרוֹיסֶער אוֹר, מֶען זֶעט אוּן מֶען שְׁפִּירְט אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וַוייט אַז מֶען ווֵייסְט שׁוֹין נִישְׁט קַיין חִילוּק פוּן "אָרוּר הָמָן" אוּן "בָּרוּךְ מָרְדְכַי", מֶען ווֵייסְט אַז אַלֶעס אִיז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן דֶערְפַאר אִיז דֶער טָאג אַזוֹי גְרוֹיס אוּן עֶס אִיז אַזַא גְרוֹיסֶע עֵת רָצוֹן אִין הִימְל.

מֶען הָאט גֶעזֶען בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז דָאס טַאנְצְן אוּם פּוּרִים אִיז גֶעוֶוען מִיט אַ יִשּׁוּב הַדַעַת מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ, נִישְׁט מִיט אַ ווִילְדְקֵייט צוּ צֶעבְּרֶעכְן זַאכְן אָדֶער צוּ שְׁלָאגְן אוּן שֶׁעדִיגְן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן. מֶען הָאט אַסַאךְ גֶעטַאנְצְן אוּן גֶעוֵויינְט מִיט טְרֶערְן פוּן שִׂמְחָה אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זֵיי הָאבְּן טַאקֶע גֶעזֶען גָאר גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן נִישְׁט גֶעטְרִינְקֶען קַיין בְּרָאנְפְן אוּם פּוּרִים, דֶער רֶבִּי הָאט מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז אֲפִילוּ אַ גַאנְץ יָאר זָאל מֶען נִישְׁט טְרִינְקֶען קַיין בְּרָאנְפְן, אוּן אֲפִילוּ וַויין זָאל מֶען אוֹיךְ נָאר טְרִינְקֶען פַאר קִידוּשׁ אוּן הַבְדָלָה. אָבֶּער פּוּרִים טְרִינְקְט מֶען אַבִּיסְל מֶער וַויין, מֶער פוּן וִויפִיל מֶען אִיז צוּגֶעווֹאוּינְט, אוּן וֶוען מֶען טַאנְצְט דֶערְנָאךְ וֶוערְט מֶען שׁוֹין אַבִּיסְל שִׁיכּוֹר.

מֶען דַארְף אָבֶּער זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ מַאכְן פוּנֶעם טָפֵל אַן עִיקָר אוּן פוּנֶעם עִיקָר אַ טָפֵל, מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען אַז נָאךְ דִי סְעוּדָה דַארְף מֶען נָאךְ בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָזוֹן וָואס דָאס אִיז אַ מִצְוַת עֲשֵׂה דְאוֹרַייְתָא, אוּן דֶערְנָאךְ דַארְף מֶען נָאךְ דַאוֶונֶען מַעֲרִיב, דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זֶען נִישְׁט צוּ טְרִינְקֶען אַזוֹי פִיל אַז מֶען זָאל אַרָאפּ פַאלְן שִׁיכּוֹר אוּן נִישְׁט ווִיסְן וָואס טוּט זִיךְ אוּן דוּרְךְ דֶעם פַארְפַּאסְן דִי הֵיילִיגֶע מִצְוֹת דַוְקָא אִין אַזַא גֶעהוֹיבֶּענֶעם טָאג. וֶוען מֶען טְרִינְקְט מִיט אַ מָאס קֶען מֶען נָאךְ הַאלְטְן דֶעם קָאפּ אוֹיפְ'ן פְּלַאץ צוּ קֶענֶען בֶּענְטְשְׁן אוּן דַאוֶונֶען מַעֲרִיב וִוי עֶס בְּרוֹיךְ צוּ זַיין.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ע"ד) אַז הַיינְט הֵייבְּט זִיךְ אַלֶעס אָן פוּן פּוּרִים. דֶערִיבֶּער אִיז פּוּרִים דִי רִיכְטִיגֶע צַייט צוּ פַארְגֶעסְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן בִּיז יֶעצְט אוּן אָנְהוֹיבְּן אַ נֵייעֶ לֶעבְּן פוּן פְרִישׁ, צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ לֶערְנֶען זַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת פ"ח.), אוֹיפְ'ן פָּסוּק (אֶסְתֵּר ט', כ"ז) "קִיְמוּ וְקִבְּלוּ הַיְהוּדִים", אַז דִי אִידְן הָאבְּן נָאכְאַמָאל מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה בַּיים נֵס פּוּרִים, אוּן דָאס מָאל הָאבְּן זֵיי דָאס גֶעטוּן מִיט חֵשֶׁק אוּן פוּן דִי אֵייגֶענֶע ווִילְן, אוּן דָאס דַארְפְן מִיר אוֹיךְ נָאכְטוּן. יֶעצְט אִין דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב לָאמִיר מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה פוּן נֵיי, אָנְהוֹיבְּן מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן וֶועט אוּנְז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס אִיז דֶער "שׁוֹמֵעַ תְּפִלַּת כָּל פֶּה" זָאל צוּהֶערְן מַיין תְּפִלָּה וָואס אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**הַמְאַחֵל לְךָ חוֹדֶשׁ מְבוֹרָךְ**

(שׁוּ"ת בְּרֶסְלֶב, מִכְתָּב ג' אֲלָפִים תתצ"ב)

BreslevCenter.com\answers



<<<<<<

## בית המדרש "היכל הקודש" ברסלב וויליאמסבורג

נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

## זמנים לימי הפורים

תפלת מנחה תענית אסתר..........6:00

קריאת המגילה ליל פורים..........6:55

תפלת שחרית ביום הפורים........9:00

קריאת המגילה.........................10:00

סעודת שושן פורים מוצאי שב"ק......9:30

עס וועט אי"ה זיין א שיינע פארשטעלונג

די ווייבער שול וועט אי"ה זיין אפן אין די אלע זמנים

א פרייליכן פורים, הגבאים

## ישיבה "תפארת התורה" ברסלב

צוליב דעם גרויסן פארלאנג וואס מיר האבן געהאט די פארגאנגענע יארן אז די בחורים פון ישיבה זאלן ארויף קומען משמח זיין בעצם יום הפורים, דערפאר וועלן מיר דאס יאר נישט ארויפגיין צו קיינעם, נאר מיט א פאראויס באשטימטע אפוינטמענט.

> דאס יאר זענען מיר זייער באגרעניצט אין צייט,
> ביטע רופן ווי פריער צו באשטימען אייער צייט.

**רופט שוין 917-232-9070**

## מוסדות היכל הקודש ברסלב

נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע

## סימן טוב ומזל טוב

**אין נאמען פון די פילע טויזנטער אידן איבער די וועלט וועלכע שעפן חיזוק און התעוררות פון די חיזוק שיעורים און בריוו, וואונטשן מיר א הארציגן ברכת מזל טוב פאר'ן**

## ראש ישיבה שליט"א

**צו די שמחת החתונה פון זיין זון למזל טוב**

**החתן אלחנן חיים שליט"א**

**עב"ג בת**

**מו"ה מרדכי אינדיג שליט"א**

**מנהל תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד מיט דורות ישרים ומבורכים, געזונט און פרנסה מיט פיל אידיש נחת. דער אייבערשטער זאל העלפן אז דער ראש ישיבה שליט"א זאל ווייטער קענען ממשיך זיין מיט די עבודת הקודש צו מחזק זיין אידישע קינדער איבער די גאנצע וועלט, אריינברענגען די עצות פון הייליגן רבי'ן אין אידישע קינדער, אזוי ווי מוהרא"ש האט אונז געלערנט, מיט בני ברוכי חיי אריכי ומזוני רויחי וסייעתא דשמיא

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## פרייליכע געפילן צום שמחת החתונה ביים ראש ישיבה שליט"א

גייענדיג צום דרוק, מיטוואך תרומה, גרייט מען זיך צו די פרייליכע חתונה פון א זון פונעם ראש ישיבה שליט"א, החתן מו"ה אלחנן חיים הי"ו, עב"ג בת מו"ה מרדכי אינדיג שליט"א, מנהל תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב. וואס קומט פאר אין בית המדרש היכל הקודש ברסלב אין וויליאמסבורג.

דאס איז די צוואנציגסטע חתונה אין בית המדרש, און אזוי ווי ביי די פריעדיגע חתונות אין בית המדרש, וועט אויך די חתונה נאכט זיין אויפ'ן ביליגסטן פארנעם, אן דעם וואס עס זאל קאסטן א פרוטה פאר די מחותנים.

דער ראש ישיבה שליט"א זאגט אלעמאל אז דער עיקר פון די חתונה הויבט זיך אן ערשט נאך די שבע ברכות, אז די נייע פאר-פאלק איז זוכה אויפצושטעלן א בית נאמן בישראל, א ליכטיגע אידישע משפחה וואס לעבט מיט'ן אייבערשטן. די חתונה נאכט איז נאר די הכנה צו דעם, און ס'פעלט נישט אויס אוועקצואווארפן אידיש געלט - וואס מ'האט נישט - פאר אומנויטיגע זאכן וואס ברענגען נישט קיין שום ניצן פאר קיינעם, נאר עגמת נפש, חובות, און הארץ ווייטאג.

ווען עס קומט צו חתונות, זענען זיך אנשי שלומינו מחי' מיט'ן חתונה מאכן אין ישיבה, אזוי אז די גאנצע חתונה נאכט קאסט גארנישט, און אזוי אויך שפארט מען זיך פילע נישט וויכטיגע הוצאות פון ארום און ארום, און אזוי קען מען רואיגערהייט חתונה מאכן די קינדער אן קיין חובות.

דער ראש ישיבה שליט"א אליין טוט אויך די זעלבע, אזוי ווי ביים חתונה מאכן זיין ערשטע קינד פאר צוויי יאר צוריק, די זעלבע אויך יעצט ביים צווייטן קינד, מאכט ער די חתונה מיט די מינימאלסטע הוצאות, וממנו ילמדו וכן יעשו.

זאל דער אייבערשטער העלפן אז דער זיווג זאל עולה יפה זיין, זיי זאלן אויפשטעלן א בית נאמן בישראל לשם ולתפארת, און דער ראש ישיבה שליט"א זאל זען אסאך אידיש נחת פון אלע זיינע קינדער און אייניקלעך געזונטערהייט.

**קול ששון וקול שמחה, קול חתן וקול כלה!**

***

## די בחורים גרייטן זיך אויף פורים

די הייליגע ברסלב'ע ישיבה איז שוין גאר שטארק באקאנט אין די היינטיגע טעג, עס איז ברייט באוואוסט די גרויסע פעולות פון די הייליגע ישיבה, סיי וואס מען קען זען אויף די טייערע בחורים, הכרת פניהם ענתה בם, די תורה און תפלה, די יראת שמים און מדות טובות, וואס זיי האבן זיך איינגעקויפט בין כותלי הישיבה; און סיי די געוואלדיגע שיעורים וואס דער ראש ישיבה געבט יעדן טאג אין ישיבה, און ווערט געהערט דורך פילע צענדליגע טויזנטער אידן איבער די וועלט, וועלכע זענען זיך מחי' מיט די דרשות, און גלייכצייטיג מיט די "חיזוק יומי" - טעגליכע קורצע אויסצוגן פון די דרשות, וואס גאר אסאך אידן זאגן עדות אז די דרשות האבן געטוישט זייער לעבן צום גוטן אין אלע הינזיכטן, סיי ברוחניות און סיי בגשמיות. פילע זענען זיך מחיה מיט די הערליכע ניגונים פון אמונה וואס האט איינגענומען די וועלט, אזוי אויך שעפן פילע אידן זייער גאנצע אידישקייט און לעבן פון די הייליגע בריוו פון די קונטרסים "עצתו אמונה", וואס ווערט פארשפרייט און צוכאפט דורך טויזנטער אידן וועכנטליך.

עס איז זייער מערקווירדיג דער גרויסער חילוק וויאזוי עס האט אויסגעזען מיט יארן צוריק ווען די ישיבה איז געעפנט געווארן, ביז היינט. אין אנהויב האט מען פארטריבן די בחורים און נישט געוואלט הערן בכלל פון די ישיבה, נישט באגרייפנדיג די געוואלדיגע תועלת וואס די הייליגע ישיבה ברענגט פאר די בחורים און פאר יעדן איינעם, און אצינד איז דאס פונקט פארקערט, ווען עס הערשט אזא צמאון א דארשט אויף די ישיבה, לא צמא ללחם ולא צמא למים, אידן שפירן פאר א גרויסע זכי' צו קענען האבן א חלק אין די געוואלדיגע פעולות פון די הייליגע ישיבה, לשמוע את דבר ה'.

די פארלאנג איז שוין אזוי שטארק אז פארגאנגענעם יאר האט מען בשום אופן נישט געקענט נאכקומען דער פארלאנג, פון אלע זייטן האט מען געבעטן אז די בחורים זאלן ארויפצוקומען צו זיי אום פורים, און דאס איז ב"ה געווען גאר שיינע הכנסה פאר די הייליגע ישיבה.

דאס יאר, ווען פורים געפאלט אום פרייטאג, איז די צייט נאך פיל מער באגרעניצט. מען וועט נישט קענען ארויפגיין צו קיינעם נאר מיט א פאראויס באשטימטע אפוינטמענט. רופט 917-232-9070 צו באשטעלן די בחורים צו קומען משמח זיין ביי אייך אום פורים.

**ליהודים היתה אורה ושמחה!**



## עצתו אמונה ביי אייער טיר

סובסקרייבט אייך צו באקומען די "עצתו אמונה" יעדע וואך אויף די פאסט

פאר די ביליגע פרייז פון בלויז $2.99 א וואך

זייט אויך פון די גליקליכע וואס זענען זיך מחיה יעדע וואך מיט די פילע עצות און חיזוק אין לעבן

**718-387-2691 #3**

**subscribe@kerenhadfusa.org**

## פורים אפטיילונג

מגילת אסתר פארגעלערנט מיט געשמאק, שיעורים אויף פורים, מעשיות פון פורים פאר קינדער, זיך אויסלערנען ליינען די מגילה, פורים'דיגס, און נאך

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 1, 9**

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **יואל פארקאש** שליט"א

גבאי בית המדרש היכל הקודש קרית יואל

צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **שמעון פערל** הי"ו

צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **שלום אלי' אינדיג** הי"ו

צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**